## חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ג.

בײַנאַכט אויפֿן געלעגער ליג איך און טראַכט: וויפֿל קען זיך, אַשטײגער, בײַ מיר צונויפֿקלײַבן, אַז אַלע פֿעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובֿים וועלן מיר געבן חנוכּה-געלט? ראשית חכמה, דער פֿעטער משה-אהרן, דער מאַמעס ברודער, אַפֿילו זײער אַ קאַרגער, נאָר אַ נגיד. נאָכדעם דער פֿעטער איצי און די מומע דבֿורה, וואָס דער טאַטע און די מאַמע זײַנען מיט זײ ברוגז שוין פֿון כּמה וכּמה יאָרן. הײַנט דער פֿעטער בײניש און די מומע יענטע? הײַנט ווּ איז אונדזער שוועסטער אײדל? און איר מאַן שלום-זײדל? און אַלע איבעריקע קרובֿים?

— מאָטל, דו שלאָפֿטס?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפֿל, מײנסט דו, וועט אונדז געבן דער פֿעטער משה-אהרן חנוכּה-געלט?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נבֿיא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפֿסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

—עמעצער האָט אַזוי פֿיל פֿעטערס מיט אַזוי פֿיל מומעס, ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפֿטס?

— יאָ, וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפֿטס, הײַנט ווי אַזוי רעדסטו מיט מיר?

— דו פֿרעגסט דאָך מיר, מוז איך דיר ענטפֿערן.

אין דרײַ מינוט אַרום:

– מאָטל, דו שלאָפֿטס?

– טססס–טררר– חילחילחיל – טססס...

מאָטל כראַפּעט, כאָרכלט, פֿײַפֿט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיר אויף אויף מײַן בעטל, נעם אַרויס מײַן קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.

„דאַכט זיך, וואָס? – טראַכט איך מיר. – אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קען מען דערפֿאַר ניט קויפֿן? צאַצקעס, מעסערלעך, שטעקעלעך, בײַטלעך, ניס און קאָנפֿעקטן, און ראָזינקעס, און באָקסערלעך, און וואָס ניט?"

איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן און לייען אָפּ קריאת- שמע, קומט אַרײַן בריינע פֿון קיך מיט אַ פֿולן פּאַלומעסיק מיט קערבלעך... ברײַנע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופֿט, זינגט „הנרות הללו שאָנו מדליקין". און מאָטל שלינגט קערבעלעך ווי די האַלישקעס. „מאָטל! –שרײַ איך מיט אַלע כּחות – גאָט איז מיט דיר, מאָטל, וואַס טוסט דו? קערבעלעך????"...

איך כאַפּ זיך אויף און שפּײ אויס דרײַ מאָל: „טפֿו – טפֿו – טפֿו – אַ חלום!"

און ווער אַנטשלאָפֿן.

-//-